בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

פרשת תזריע
שבת החודש
שנה ב' - גליון ק"ן
כ"ז אדר השני שנת תשע"א לפ"ק

הדלקת הנרות
7:05
זמן מוצאי שבת
8:34
סוף זמן קרי"ש 9:13

**שבת מברכים חודש ניסן, ראש חודש איז דינסטאג. דער מולד וועט זיין זונטאג נאכמיטאג 44 מינוט מיט 8 חלקים נאך 1**

## וויש וואש!

**מיטוואך** ווען מען האט זיך שוין געגרייט אריין צו ברענגען די הגדות אין די קלאסן קומט מיין רבי אריין אין חדר און זאגט אונז גאר אן אינטרעסאנטע זאך: אז **מיר גייען יעצט וואשן דעם חדר לכבוד פסח!** וואשן דעם טיש, דעם באנק, כדי גרייט צו מאכן דעם חדר צו מאכן די הגדות דערויף. נו מען ברענגט שוין שמאטע'ס מיט זייף אלע קינדער נעמען זיך צו די ארבייט גאר פלייסיג, מען שארט ארויף די ערמל מען וואשט, מען רייבט, נאך זייף, נאך א שפריץ, **אָהָ אַהָ איז דאס פיין געווען,** מיט וואסער צו שפילן פארוואס נישט?! דערנאך האט מען גיט אפגעווישט אלעס טריקן און שיין זויבער געמאכט לכבוד פסח! מיר האבן אריין געארבייט מיטן גאנצן כח מיטן גאנצן ברען... יעצט דארפן מיר שוין זייער גוט אכטונג געבן אין חדר נישט זיך צו דרייען מיט קיין חמץ.

## פסח אין די לופט !

**מען שטייט** שוין יעצט איינגע וואכן פאר דעם הייליגען גרויסען יו"ט פסח. ווי עס איז באקאנט פון אלע ספרים, זענען די לימודים פון סיפור יציאת מצרים און די ענינים ומנהגים פון די פסח טעג **א יסוד פון אמונה און אידישקייט.** טאקע פון די יונגע קינדער אנגעהויבן. ווי מען זאגט אין די הגדה: ושאינו יודע לשאול את פתח לו. דעריבער האבן מיר שוין אנגעהויבן מיט די אלע לימודים ומנהגים און די ניגונים כדי זיי גוט אנצוגרייטן אז ווען עס וועט קומען די געהויבענע מאמענטן אין יעדע אידישע שטוב זאלן די קינדער זיין א חלק פון די ליכטיגקייט אין דעם יו"ט מיט זייערע ידיעות און מיט זייערע באקאנטשאפט איבער אלע דעטאלן פונעם יו"ט. פארשטייט זיך אז יעדעם קינד לערנט לויט זיין יארגאנג וויפיל ער קען פארנעמען. די איבערגעגעבענע מלמדים פראבירן מיט אלע כוחות איינצופלאנצן אין די יונגע הערצער דעם געפיהל צום הייליגן יום טוב מיט א שמחה און דערהויבנקייט, די ליבשאפט צו א מצוה מיט א ווארעמקייט און אלע צוגעהערן. השי"ת זאל אונז העלפן שטענדיג מיט סייעתא דשמיא.

**די סימני הסדר** מיטן ארגינעלן נוסח פון דורי דורות אן קיין שום שינוי, די מה נשתנה מיטן זיסן ניגון הערט זיך ארויס פון די קלאסן מיט א געשמאק, שיינע ניגונים אויף אידיש פון די געהויבענע ענינים ווערן געזינגען אין יעדע כיתה לויט זיין יארגאנג.

**די ווענט זענען** הערליך באצירט מיט צענדליגע בילדער פונעם יו"ט און א יעדע קלאס באזונדער. סיי די ענינים פון רוימען און אכטונג געבן אויף א ברעקעלע חמץ און סיי די הכנות צום לעכטיגן יו"ט ווי באקן מצות וכדו'.

## מעסעדזש פון מנהל!

אזוי ווי די קינדער וועלן שוין אי"ה אנהייבן צו מאכן די הגדות די קומענדיגע וואך, בעטן מיר אז די קינדער זאלן נישט ברענגען קיין שום חמץ. כדי זיכער צו מאכן די זויבערקייט און אפצוהיטן די הגדות פון א משהו חמץ. די הגדות ווערן טאקע געמאכט דא אין חדר מיט די גרעסטע זהירות און עס ווערט זייער שטארק אפגעהיטן. מען ארבייט דערויף נאר נאכן איבערדעקן דעם טיש מיט א ספעציעלן פסח'דיגן פלעסטיק. אבער דאך איז אסאך גרינגער וויסנדיג אז אינעם גאנצן צימער איז נישט דא קיין ברעקל חמץ. מיר האפן אז איר פארשטייט די וויכטיגקייט דערפון און אננעמען דעם פאראורדענונג מיט פארשטענדעניש. בברכת ברכה והצלחה וסייעתא דשמיא. אכי"ר

מיר האבן אהיים געשיקט די וואך די מעשיות וואס **דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע** פלעגט צו דערציילן יעדע שבת וואס מען בענטשט ראש חודש ניסן (**שבת החודש**) וואס די מעשיות זענען מסוגל משפיע צו זיין פאר אידן אויף צרכי פסח בהרחבה. מיר לערנען מיט די קינדער די 3 מעשיות אין די וואכן ביז פסח, יעדער לויט זייער יארגאנג.

# חכמה'לעך!

ווען מען האט געפרעגט **מאיר** וואס ער גייט זיך אויסבעטן אום פורים האט ער געזאגט: ער גייט בעטן די הייליגע באשעפער זאל אויסהיילן **רבי גרינפעלד'ס הענט** ער זאל שוין האבן א גאנצע רפואה שלימה...

**מרדכי'לע** האט געזאגט פאר זיין מאמע ווען מען האט פארהערט שמיני-די אכטע טאג אז די וואך פ' תזריע גייט שוין זיין די 9'טע טאג וואס מען האט אויפגעשטעלט די משכן.

**אברהם וואלוו'עלע** האט א קשיא פארוואס אחשוורוש בוק הייסט "ספר הזכרונות" "ספר"? עס האט געדארפט הייסן "הזכרונות בוק" עס איז דאך א גוי'אישע בוך...

**שמואל'י** ווען מען האט אים געפרעגט וועלכע סדרה גייט די וואך האט ער געזאגט **פרשת שמילי...**

ווען **חזקי** האט איבערגעזאגט אינדערהיים פאר זיין מאמע די סימני הסדר פון "קדש ורחץ" וואס מען לערנט אין חדר זייער שיין, האט איהם זיין מאמע געזאגט אז ער קען זייער פיין "קדש ורחץ"! רופט זיך שמעון אן: אז זיין רבי'ס טעיפ קען עס אויך זייער גוט...

# מזל טוב וואונטש

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**שלמה בן הרב אברהם יושע העשיל באב"ד נ"ו**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
רבי יואל כ"ץ שליט"א און רבי יואל הערש שפיטצער שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**אלטר יעקב יצחק ב"ר יואל טייטלבוים נ"ו**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' ברוך הורוויץ שליט"א און ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**אברהם דוד ב"ר יואל שמעון רובין נ"ו**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
רבי ירמי' לעווי שליט"א און רבי וואלף בער שווארץ שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**משה שמואל ב"ר בן ציון לעווי נ"ו**
לכבוד זיין מופן אין זיין נייע הויז
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי אברהם ג'בראַ שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**משה ב"ר אלי' ראובן סאפדי נ"ו**
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' ברוך הורוויץ שליט"א און ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**חיים יושע ב"ר משה יודא הירש נ"ו**
לכבוד זיין מופן אין זיין נייע הויז
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' ברוך הורוויץ שליט"א און ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**דוד ב"ר משה ברוך ענגלענדער נ"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
רבי משה נח גאלדשטיין שליט"א און רבי יעקב מאיר סרוגא שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**פנחס מנחם ב"ר אברהם מאיר יאזשעף נ"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' ברוך הורוויץ שליט"א און ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**שמעון ב"ר חיים הערש שווארטץ נ"ו**
לכבוד זיין ברודער'ס בר מצוה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
רבי מנחם מענדל פארקאש שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**אשר זאב ב"ר מרדכי מענדל גוטטמאן נ"ו**
לכבוד זיין ברודער'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
רבי משה נח גאלדשטיין שליט"א און רבי יעקב מאיר סרוגא שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**מנחם מענדל ב"ר יעקב יודא עסטרייכער נ"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' משה יעקב אהרן בוקסבוים שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**וואלף ב"ר יחיאל צבי אפפעל נ"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' יואל יצחק ראטה שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**ישראל דוד ב"ר יואל ראזמאן נ"ו**
לכבוד זיין פעטער'סחתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' הערשל פעקעטע שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**מאיר וואלף ב"ר משה יודא הירש נ"ו**
לכבוד זיין מופן אין זיין נייע הויז
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' משה יעקב אהרן בוקסבוים שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**מרדכי אהרן ב"ר דוד הערש געלב נ"ו**
לכבוד זיין ברודער'ס אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' יואל יצחק ראטה שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**שמעון ב"ר יעקב יודא עסטרייכער נ"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
רבי יואל כ"ץ שליט"א און רבי יואל הערש שפיטצער שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**טובי' ב"ר יצחק שווארטץ נ"ו**
לכבוד זיין מומע'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' משה יעקב אהרן בוקסבוים שליט"א

**ברכת מזל טוב**
פאר הילד
**אלעזר בן הרב עקיבא יוסף כהנא נ"ו**
לכבוד זיין ברודער'ס בר מצוה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי אברהם ג'בראַ שליט"א

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד**